Publié par la Maison de la culture yiddish - Bibliothèque Medem, avec le concours de la Délégation Générale à la Langue Française & de la Fondation pour la Mémoire de la Shoah

# דער ייִדישער
# טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע
פֿון דעם פּאַריזער
ייִדיש־צענטער –
מעדעם־ביבליאָטעק

יאָר 20, נומער 4 (99)

סיוון תשע״ה/מײַ 2015



## כּישוף[1]

אינעם מוזיי פֿאַר ייִדישער קונסט און געשיכטע[2] אין פּאַריז קומט איצטער פֿאָר אַ גרויסע אויסשטעלונג[3] מיטן טיטל „כּישוף : מלאָכים[4] און שדים[5] אין דער ייִדישער טראַדיציע”, וואָס באַשטייט פֿון[6] איבער 300 זעלטענע עקספּאָנאַטן[7] און נעמט אַרום פֿאַרשיידענע אַספּעקטן פֿון מאַגישע פּירונגען פֿון הײַנט און נעכטן. צוזאַמען מיט דער אויסשטעלונג איז דאָ אַ גאַנצע פּראָגראַם פֿון רעפֿעראַטן[8], פֿילמען און אַנדערע אונטערנעמונגען[9].

מענטשן מיינען אָפֿט אַז אַזוי ווי כּישוף איז פֿאַרווערט[10] אין דער תּורה[11], האָט עס ניט עקזיסטירט בײַ ייִדן. ווי אַ באַווײַז[12] ציטירט מען דעם פּסוק[13] אין תּנך[14] : „אַ מכשפֿה[15] זאָלסטו ניט לאָזן לעבן“ (שמות, כ״ב : 17[16]). אָבער מאַגישע פּירונגען האָבן יאָ תּמיד[17] עקזיסטירט, ווי אין אַלע קולטורן, און בלײַבן אַפֿילו[18] ביז הײַנט צו טאָג. די חפֿצים[19], וואָס זענען אויסגעשטעלט אינעם מוזיי, קומען פֿון אַלע לענדער און פֿון אַלע צײַטן, פֿון אשכּנזים[20] און ספֿרדים[21]. אַ פּאָר פֿון די עלטערע דאָקומענטן שטאַמען פֿון דער גניזה פֿון קאַיראָ[22] (דאָרטן האָט מען אַנטדעקט[23] שריפֿטן פֿון 9טן ביזן 19טן י״ה[24]). צווישן די הײַנטצײַטיקע עקספּאָנאַטן איז דאָ אַ ווידעאָ פֿון אַ פּאַריזער רבֿ[25] וואָס דערקלערט ווי ער שרײַבט אַ קמיע[26]. אַזוי אַרום באַקומט זיך אַ ברייטער בליק אויף דעם ענין[27] כּישוף בײַ ייִדן.

אַ גרויסער טייל פֿון דער אויסשטעלונג באַשטייט פֿון פֿאַרשיידענע סאָרטן קמיעות וואָס דאַרפֿן באַהיטן[28] מענטשן קעגן שדים און בייזע רוחות[29], קעגן אַנדערע מענטשן (לעבעדיקע אָדער טויטע), ווי אויך קראַנקייטן און אַלערליי סכּנות[30]. צווישן די גרעסטע סכּנות איז קימפּעט[31]. אַלע מיטלען ווערן אויסגעניצט צו באַשיצן די קימפּעטאָרין[32] און דאָס נײַגעבוירענע קינד. מע באַהענגט די בעט און דעם גאַנצן צימער מיט קמיעות – לאַנגע פּאַסן פּאַפּיר אָדער פּאַרמעט[33] באַשריבענע מיט מאַגישע שפּראָכן[34] און בילדער פֿון מלאָכים. אויף אַ סך פֿון זיי שטייט אָנגעשריבן „אָדם וחווה חוץ לילית“[35] – וואָס מע גלייבט אַז דאָס פֿאַרטרײַבט ליליתן, אַ שדיכע[36] וואָס קען שעדיקן[37] מאַמעס און גנבֿענען[38] קינדער. אויף דער וואַנט הענגט מען אויף אַ שיר־המעלות[39] (מיט דעם 121סטן קאַפּיטל תּהילים[40], ווו עס שטייט אַז גאָט איז דער שומר[41]).

עס זענען אויך דאָ מיטלען צו באַשיצן דאָס גאַנצע הויז פֿאַר ספּעציפֿישע סכּנות : צווישן די חפֿצים אויף דער אויסשטעלונג זעט מען אַ קמיע פֿון אונגערן[42] וואָס טרײַבט אַוועק שטשורעס[43] און איינע (געפֿונען אין דער גניזה) וואָס באַשיצט קעגן עקדישן[44]. ס'איז דאָ אויך אַ חנעוודיק צעטל[45] מיטן נאָמען פֿון אַ פּאָרפֿאָלק, וואָס זאָגט צו[46] שלום־בית[47], אָנגעשריבן געוואָרן אין ירושלים[48] אין... 1950 !

צווישן די אינטערעסאַנטע טעמעס זענען דאָ די קעגנזײַטיקע השפּעות[49] וואָס האָבן שטענדיק עקזיסטירט צווישן ייִדן און די אַרומיקע פֿעלקער און רעליגיעס, פֿון די אוראַלטע צײַטן ביז הײַנט צו טאָג. אַ קלאָרער בײַשפּיל איז דער אַמולעט אין פֿאָרעם פֿון אַן אָפֿענער האַנט, וואָס מע רופֿט געוויינטלעך „חמסה“[50] אָדער „פֿאַטימאַס האַנט“. עס איז אַ באַקאַנט מיטל קעגן עין־הרע[51]. מע ווייסט שוין ניט קלאָר פֿון וואָס פֿאַר אַ קולטור עס שטאַמט (די עלטסטע בײַשפּילן האָט מען געפֿונען אין דער אַלטער מעסאָפּאָטאַמיע), נאָר ס'איז הײַנט צו טאָג פֿאַרשפּרייט צווישן מוסולמענער, ספֿרדישע[52] ייִדן, און אַפֿילו קריסטן.

[סוף אויף ז׳ 8]

1. KISHEF magie/magic 2. musée d'Art et d'Histoire du judaïsme 3. exposition/exhibition 4. MALOKHIM anges/angels, *sing.* מלאך MALEKH 5. SHEYDIM démons, *sing.* שד SHED 6. se compose de/consists of 7. pièces rares/rare pieces 8. conférences/lectures 9. activités/activities 10. interdit/forbidden 11. TOYRE Torah 12. preuve/proof 13. POSEK verset/verse 14. TANA'KH Bible juive/Jewish Bible 15. MAKHSHEYFE sorcière/witch 16. SHMOYS Exode/Exodus 22:17 17. TOMID toujours/always 18. AFILE même/even 19. KHFEYTSIM objets/objects, *sing.* חפֿץ KHEYFETS 20. ASHKENAZIM Juifs ashkénazes/Ashkenazi Jews 21. SFARDIM Juifs séfarades/Sephardic Jews 22. GENIZE ... gueniza du Caire/Cairo Geniza 23. découvert/discovered 24. יאָרהונדערט siècle/century 25. ROV rabbin/rabbi 26. KAMEYE amulette/amulet 27. INYEN sujet/subject 28. protéger/protect 29. RUKHES esprits/spirits, *sing.* רוח RUEKH 30. SAKONES dangers 31. accouchement/childbirth 32. femme en couches/woman in childbirth 33. parchemin/parchment 34. formules magiques/magic formulas 35. ODEM VEKHAVE KHUTS LILIS Adam et Eve dehors Lilith/Adam and Eve out Lilith 36. SHE'DEKHE démone/demon (*fem.*) 37. nuire/harm 38. GA'NVENEN voler/steal 39. SHIR-HAMAYLES affichette censée écarter les mauvais esprits/paper intended to dispel evil spirits 40. ... TILIM psaume/psalm 41. SHOYMER gardien/guardian 42. Hongrie/Hungary 43. rats 44. scorpions 45. KHE'YNEVDIK ... billet charmant/charming little note 46. promet/promises 47. SHOLEM-BAYS harmonie conjugale/happy married life 48. YERUSHOLAIM Jérusalem 49. ... HASHPOES influences réciproques/mutual influences 50. KHAMSA 51. EYN(H)ORE mauvais œil/evil eye 52. SFA'RDISHE séfarades/Sephardic

# געהיימשטאָט[1]

## פֿון עוולין גרומבערג






**פּלאַקאַט און אַ סצענע פֿונעם פֿילם „קיין אָרט אויף דער ערד“**
© DR.

ניין, דאָ וועלן מיר נישט רעדן וועגן אַבֿרהם סוצקעווערס[2] באַרימטער פּאָעמע „געהיימשטאָט“ אין וועלכער אַ מנין[3] ייִדן באַהאַלטן זיך[4] אין ווילנער קאַנאַלן[5] בשעת[6] דער נאַצישער אָקופּאַציע.

אין 1993 איז קריס ניקאָלאַ[7], אַן אַמעריקאַנער וואָס שטאַמט פֿון אוקרײַנע און פֿאַרנעמט זיך מיט ספּעלעאָלאָגיע, געפֿאָרן קיין אוקרײַנע זיך צו באַקענען מיטן לאַנד און באַזוכן איינע פֿון די גרעסטע אונטערערדישע[8] גאַלעריעס אין דער וועלט, אַן ערך[9] 125 קילאָמעטער די לענג, וואָס מע רופֿט די „גיפּסענע־גיגאַנטן“[10]. אין אַ הייל[11] וואָס הייסט ווערטעבאַ האָט ער אַנטדעקט[12] פֿאַרשיידענע אָביעקטן, טאָג־טעגלעכע זאַכן – קנעפּלעך[13], כּלים[14], אאַז״וו[15] – וואָס באַווײַזן[16] אַז מענטשן האָבן דאָרט געוווינט, נישט אין פּרעהיסטאָרישע צײַטן נאָר אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. אוקרײַנער פֿונעם אַרום האָבן אים דערציילט אַז זיי האָבן געהערט אַז אַ פּאָר ייִדן האָבן זיך דאָרט באַהאַלטן אין די מלחמה[17]־יאָרן... פֿאַרחידושט[18] און פֿאַרכאַפּט[19] פֿון אַזאַ אַנטדעקונג האָט קריס ניקאָלאַ געוואָלט אויסגעפֿינען כאָטש[20] איין עדות[21] וואָס האָט זיך דאָרטן געראַטעוועט[22]. האָט ער געפֿאָרשט[23] און געזוכט ביז... 2003.

ער האָט אַרײַנגעשריבן אין פֿאַרשיידענע וועבערטער[24] פֿאַר ייִדן וואָס זוכן קרובֿים[25] – און אויך אין זײַן אייגענעם וועבאָרט – די פּאַסיקע[26] ווערטער (הייל, גראָטע, אוקרײַנע, מלחמה...), און אַ דאַנק דעם זיך באַקענט מיט די לעבן־געבליבענע. זיי האָבן אים אַלץ דערציילט.

אין אָקטאָבער 1942 האָבן אַ פּאָר משפּחות[27] (40 מענטשן) פֿון קאָראָלעווקע נישט געוואָלט בלײַבן אין געטאָ. זיי זענען אַנטלאָפֿן אין די וועלדער און דאַן אין אַ הייל, הײַנט די וועלט־באַרימטע ווערטעבאַ. זיי האָבן דאָרט געלעבט אַ פּאָר חדשים[28], אָבער געמוזט אַנטלויפֿן ווען די נאַציס האָבן זיך דערוווּסט אַז אין דער הייל באַהאַלטן זיך ייִדן. נאָך דעם ווי זיי האָבן איבערגעלעבט שרעקלעכע זאַכן, האָט זיי אַ פּויער, אין מײַ 1943, געוויזן אַ לאָך אין די פֿעלדער וואָס איז אַן אַנדער אַרײַנגאַנג צו די „גיפּסענע־גיגאַנטן“. אַזוי אַרום האָבן זיי זיך נאָך אַ מאָל געקענט באַהאַלטן אין אַ הייל, „דעם גלחס הייל“[29], ווו זיי האָבן אָפּגעלעבט אַ גאַנץ יאָר ! דרײַ מענער פֿלעגן פֿון מאָל צו מאָל אַרויסקריכן צו ברענגען עסנוואַרג[30]. אין אַפּריל 1944 האָט דער פּויער אַרײַנגעוואָרפֿן אין לאָך אַ פֿלעשל מיט אַ מעלדונג : די רוסן האָבן געזיגט !

אסתּר סטערמער[31], איינע פֿון די געראַטעוועטע (וואָס איז לעצטנס געשטאָרבן) האָט געשריבן אַ בוך וועגן אָט דער איבערלעבונג און אין 2012 האָט די רעזשיסאָרשע[32] זשאַנעט טאָביאַס געדרייט אַ פּרעכטיקן פֿילם : *No Place on Earth*. אויב איר האָט די מעגלעכקייט עס צו זען, גייט.

1. ville secrète/secret city 2. de/by Avrom Sutzkever 3. MINYEN *ici* groupe de dix/*here* group of ten 4. se cachent/hide 5. égouts/sewers 6. BESHA's pendant/during 7. Chris Nicola 8. souterrains/underground 9. ... EREKh environ/about 10. Géants de gypse/Gypsum Giants 11. caverne/cave 12. découvert/discovered 13.boutons/buttons 14. KEYLIM instruments 15. און אַזוי ווייטער etc. 16. prouvent/prove 17. MILKHOME guerre/war 18. FARKHIDESHT étonné/astonished 19. fasciné/fascinated 20. au moins/at least 21. EYDES témoin/witness 22. survécu/survived 23. fait des recherches/did research 24. sites web/websites 25. KROYVIM parents/relatives, *sing.* קרובֿ KOREV 26. appropriés/suitable 27. MISHPOKHES familles/families 28. KHADOSHIM mois/months, *sing.* חודש KHOYDESH 29. ... GALEKhS ... Caverne du prêtre/Priest's Cave 30. nourriture/food 31. ESTER Stermer 32. metteur-en-scène (*fém.*)/director (*fem.*).

# בנימין[1] הרושאָווסקי – ה. בנימין – בנימין הרשבֿ[2] (2015–1928)
## אַ שרײַבער מיט עטלעכע שפּראַכן און נעמען



**בנימין הרשבֿ אין 2005** © DR.

אַ סך מענטשן קענען דעם נאָמען בנימין הרשבֿ[1] – דעם ליטעראַטור־קריטיקער, שאַגאַל־פֿאָרשער[2], איבערזעצער פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע אין ענגליש און העברעיִש און אַרויסגעבער[3] (צוזאַמען מיט זײַן ווײַב באַרבאַראַ) פֿון דער פּרעכטיקער אַנטאָלאָגיע אַמעריקאַנער ייִדישע פּאָעזיע. ניט אַלע ווייסן אַז ער איז אויך געווען אַ פֿײַנער ייִדישער פּאָעט, מחבר[4] פֿון צוויי לידער־זאַמלונגען : שטויבן[5] (1948) און טאַקע אויף טשיקאַוועס[6] (1994), וואָס ער האָט אונטערגעשריבן מיטן פּסעוודאָנים ה. בנימין. אַ געבוירענער אין ווילנע (מיטן נאָמען בנימין הרושאָווסקי), האָט ער זיך באַזעצט אין ארץ־ישׂראל[7] אין 1948, און פֿון 1978 אָן געוווינט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן און געלערנט העברעיִשע ליטעראַטור אויפֿן יעיל[8]־אוניווערסיטעט. מיר דרוקן דאָ אָפּ צוויי לידער פֿון זײַן לעצט בוך.

1. BINYOMIN HARSHAV 2. spécialiste de Chagall/Chagall scholar 3. éditeur/publisher 4. MEKHABER auteur/author 5. poussières/grains of dust 6. juste par curiosité/just out of curiosity 7. ERETS-YISROEL Palestine 8. Yale.

### שפּראַכן

אַזוי פֿיל שפּראַכן –
באָלוואַנעס[3]
וואָס זיצן אין מיר און לאַכן
איינער פֿונעם אַנדערן.

ווער רעדט דען וועגן וואַנדערן ?
אַ ליבע אַזאַ
צו זאַמלען אַדרעסן –
פֿאַרשטויבטע[4] אַדרעסן וואָס ווערן דערעסן[5]
ווי דרײַסיק פֿאַרגעסן[6] :

אַ פֿאַרגעס אַהין, אַ פֿאַרגעס אַהער,
אַ שטערן[7] ווי אַ שפּין[8],
אַ מזל[9] ווי אַ שטער[10] –

ווּ ? ווער ?
פֿאַרלאָזענע בוינעס[11],
ווילדע קרײַטעכצער[12] –
לשונות[13]
פֿאַרטשעפּעטע[14] איינער אינעם אַנדערן – –

ווער רעדט דאָ וועגן וואַנדערן ?
אַז אין מיטן זאַץ,
אין מיטן שפּרונג,
שפּרינגט אַרויס אַן אַנדער לשון
און ווײַזט דיר די צונג :
היי, יונג !
ראַזיר זיך די באָרד !
באַלד קריגסטו צוויי פּעטש[15]
אַז דו גלייבסט ניט קיין וואָרט –
אַ זכר[16] פֿאַרקוועטשט[17],
אַן אַדרעס פֿאַרלאָשן[18],
שלאָגן זיך אין מויל
אַ לשון אָן אַ לשון –
שפּיגלען זיך שפּראַכן,
נאַרציסן[19] אָן ערטער –
איינער אינעם אַנדערן.

ווער רעדט דאָ וועגן וואַנדערן ?

### ייִנגל צינגל כוואַט[20]

ערגעץ ווײַט
ווײַט־ווײַט פֿון דאַנען,
צוצופֿאָרן
ניט מיט באַנען,
ניט מיט שיפֿן,
ניט מיט פֿערד,
ערגעץ אויף אַ ווײַטער ערד,
איז אַ שפּראַך אַזאַ
פֿאַראַנען,
ווי אַ פּסח[21] בײַ מאַראַנען[22],
ווי אַ בלומען־ווירבל־ווײ[23]
אויף אַן אויסגעשפּרייטן שניי,
ווי אַ וואָרעם[24] סאַמעט[25]־שוואַרץ,
ווי אַ טיאָכקע[26] אין אַ האַרץ,
ווי אַ דורכזיכטיקער[27] הימל,
ווי אַ קעז באַדעקט מיט שימל[28],
ווי אַן אויסגעשניטן[29] פֿעלד
שטעכט די באָרוועס[30]־פֿיס, פֿאַרגעלט[31],
ווי אַ הילע[32] וואָס פֿאַרהיט[33]
דעם געמיט[34] פֿון ווילדן שניט[35],
איז אַ שפּראַך אַזאַ פֿאַראַנען
ווי אין בלוט פֿון די מאַראַנען,
מיט אַ ווערטערדיקן בריק
וואָס פֿאַרענטפֿערט[36] זיך צוריק
מיט אַ זשעסט און מיט אַ ווּנק[37],
אַ ציטאַט – אַ צײַטן־שפּרונג,
און מיט קניפּלעך[38] אין די רייד
וואָס אויף יעדן רעגן גרייט,
און מיט כאָפּטעס[39] שפּראַכן־רויב[40]
פֿון די זיבן עקן שטויב[41] –
ערגעץ ווײַט, ווײַט־ווײַט פֿון דאַנען
איז אַ שפּראַך אַזאַ פֿאַראַנען,
זיך באַהאַלטן און פֿאַרשטעלט[42]
ווי אַן אויסגעטראַכטע וועלט,
מיט אַ קנייטש[43] אין מיטן מיין[44] –
זיך פֿאַרגראַמט[45] אין זיך אַליין.



1. BINYOMIN 2. HARSHAV 3. pantins/dummies 4. poussiéreux/dusty 5. dont on se lasse/that we tire of 6. oublis/memory lapses 7. étoile/star 8. araignée/spider 9. MAZL astre, fortune/star, destiny 10. obstacle 11. abattoirs/slaughterhouses 12. mauvaises herbes/weeds 13. LESHOYNES langues/languages, *sing.* לשון LOSHN 14. embrouillés/tangled 15. gifles/smacks, *sing.* פּאַטש 16. ZEYKHER trace 17. écrasé/crushed 18. éteint/wiped out 19. Narcisses/Narcissuses 20. *Filourdi le dégourdi*, titre d'un poème pour enfants de Mani-Leyb ; les premiers vers proviennent de ce poème/*Yingl Tsingl Khvat*, title of a children's poem by Mani-Leyb ; the first lines are taken from that poem 21. PEYSEKH La Pâque juive/Passover 22. Marranes/Marranos 23. tourbillon de fleurs en peine/whirlwind of flowers in pain 24. ver/worm 25. velours/velvet 26. battement/beat 27. transparent 28. moisissure/mold 29. moissoné/harvested 30. nus/bare 31. jauni/yellowed 32. couverture/cover 33. protège/protects 34. esprit/spirit 35. coupure/cut 36. s'excuse/finds justification 37. clin d'œil/wink 38. noeuds/knots 39. bandes/bunches 40. pillage 41. poussière/dust 42. déguisé/disguised 43. nuance 44. sens/meaning 45. qui rime/that rhymes.

# ווי אַזוי קען ענגליש העלפֿן אונטערצושיידן צווישן יי און ײַ

פֿון טל חבֿר־כיבאָווסקי[2]

אין דער רובריק[3] „שיבֿעים־לשון" קלײַבן מיר אויס יעדעס מאָל אַן אַנדער שפּראַך און גיבן באַזונדערע שפּראַך־עצות[4] פֿאַר ייִדיש־לערנערס וואָס קענען אָט די שפּראַך. דאָס מאָל ווילן מיר געבן אַ פֿאָרטל[5] וואָס קען העלפֿן ייִדיש־לערנערס וואָס קענען ענגליש אונטערצושיידן צווישן יי און ײַ.

ייִדיש, ענגליש און דײַטש זײַנען אַלע דרײַ מערבֿ[6]־גערמאַנישע שפּראַכן און האָבן אַ סך ענלעכקייטן צווישן זיך. אין די צוויי לעצטע נומערן האָבן מיר זיך פֿאַרנומען מיט ענלעכקייטן און אונטערשיידן צווישן ייִדיש און דײַטש, נאָר אין געוויסע פֿאַלן איז דווקא[7] ענגליש נעענטער צו ייִדיש. מסתּמא[8] האָט איר שוין באַמערקט אַז דער אומבאַשטימטער אַרטיקל[9] (אַ/אַן) אויף ייִדיש איז מער־ווייניקער דער זעלבער ווי אויף ענגליש :

אַ מאַן – a man

אַן עפּל – an apple

אויך וואָס שייך[10] וואָקאַבולאַר טרעפֿט זיך אַ מאָל אַז קרובֿישע[11] ווערטער (דאָס הייסט : ווערטער וואָס האָבן אַ בשותּפֿותדיקע[12] עטימאָלאָגיע) אויף ייִדיש און אויף ענגליש האָבן אַן ענלעכן באַטײַט, בשעת[13] דאָס קרובֿישע וואָרט אויף דײַטש האָט אַן אַנדער באַטײַט. **ביין**, למשל[14], האָט דעם זעלבן באַטײַט ווי **bone** אויף ענגליש, בשעת דאָס דײַטשישע **Bein** (אַרויסגערעדט „בײַן") באַטײַט אַ **פֿוס**[15]. אַ מאָל רעדט מען אַרויס געוויסע ווערטער אויף ייִדיש פּונקט אַזוי ווי אויף ענגליש, ווי למשל דער ציפֿער **נײַן**, וואָס איז אויף ענגליש **nine** (אויף דײַטש איז עס **neun**, וואָס מע רעדט אַרויס „נוין").

אָבער ווי קען די נאָענטשאַפֿט צווישן ייִדיש און ענגליש העלפֿן ייִדיש־לערנערס ? הערט אַ מעשׂה[16]. איין טאָג, מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, האָבן זיך געטראָפֿן אין בערלין צוויי יונגע לינגוויסטן, צויס וועלנהאָפֿער[17] און יער חבֿר[18] (דעם מחברס[19] ברודער), און האָבן געשמועסט וועגן ייִדיש, דײַטש און ענגליש. אין זייער שמועס האָבן זיי געמאַכט זייער אַן אינטערעסאַנטע לינגוויסטישע אַנטדעקונג[20]. זיי האָבן זיך געפֿרעגט : פֿאַר וואָס האָבן די צוויי יודן (יי) אין **איינס** און **צוויי** נישט קיין פּתח[21] און דווקא **דרײַ** האָט יאָ אַ פּתח (ײַ) ? אויף דײַטש, צום פֿאַרגלײַך, האָט מען דעם זעלבן וואָקאַל אין **eins, zwei** און **drei** (אַרויסגערעדט 'אײַנס', 'צווײַ' און 'דרײַ'). זיי האָבן באַמערקט, אַז ווען מע פֿאַרגלײַכט מיט ענגליש, געפֿינט מען אַ געוויסע מיטשטימונג[22] מיט ייִדיש : אין **one** און **two** שטייט געשריבן **o**, אָבער נישט אין **three**, וואָס שרײַבט זיך גאָר אַנדערש... ייִדיש, ענגליש און דײַטש האָבן זיך אַנטוויקלט אין פֿאַרשיידענע ריכטונגען, נאָר ווײַזט אויס[23] אַז ייִדיש און ענגליש האָבן אָפּגעהיט[24] אַ וואָקאַלישן אונטערשייד וואָס דײַטש האָט פֿאַרלוירן.



„דער בבֿל־טורעם", פֿלעמישע שול, 1587

פֿאַר אַ סך ייִדיש־לערנערס, אַפֿילו[25] זייער אַוואַנסירטע, איז אַ מאָל שווער צו געדענקען ווען מע דאַרף זאָגן ay (און שרײַבן ײַ, צוויי יודן מיט אַ פּתח) און ווען ey (און שרײַבן יי, צוויי יודן אָן אַ פּתח). דערצו זײַנען פֿאַראַן אַ סך געדרוקטע טעקסטן וווּ מע מאַכט נישט קיין אונטערשייד צווישן ביידע דיפֿטאָנגען. איצט ווילן מיר דערקלערן ווי דאָס טראַכטן וועגן דעם קרובֿישן וואָרט אויף ענגליש קען אונדז העלפֿן דערבײַ. אַוודאי[27] קען מען אַלע מאָל פּשוט[28] געבן אַ קוק אין אַ ווערטערבוך, נאָר די מעלה[29] פֿון אונדזער שיטה[30] איז אַז דאָס ענגלישע וואָרט דינט נישט בלויז ווי אַן איינמאָליקער אָנווײַז[31], נאָר אויך ווי אַ זכרון־העלפֿער[32] אויף להבא[33]. נאָך אַ פּאָר מאָל וואָס מע מאַכט דורך דעם זעלבן געדאַנק־פּראָצעס לגבי[34] דעם זעלבן וואָרט, געדענקט מען שוין באַלד צי מע שרײַבט עס מיט יי צי מיט ײַ.

## געפֿינען דאָס קרובֿישע וואָרט אויף ענגליש

קודם־כּל[35] מוז מען געפֿינען דאָס קרובֿישע וואָרט אויף ענגליש, אָבער פֿאָרזיכטיק :

– האָט אין זינען אַז די דאָזיקע שיטה אַרבעט ניט מיט לשון־קודש[36]־ אָדער סלאַוויש־שטאַמיקע ווערטער (**דיין**[37] אָדער **זיידע** האָבן, פֿאַרשטייט זיך, נישט קיין קרובֿיש וואָרט אויף ענגליש) ;

– עס זײַנען דאָ אויף ייִדיש גערמאַנישע ווערטער וואָס האָבן נישט קיין קרובֿיש וואָרט אויף ענגליש (למשל **פֿרייד**) ;

– היט זיך אויך פֿון כּלומרשטע[38] קרובֿישע ווערטער : **צײַט** און **time** זײַנען אין גאַנצן נישט קרובֿיש. דער עטימאָלאָגישער עקוויוואַלענט פֿון **צײַט** אויף ענגליש איז דווקא **tide**, וואָס הייסט אויף ייִדיש אַ ים־פֿלייץ[39] (ווען מען טראַכט אַז דער ים־פֿלייץ איז אָפּהענגיק פֿונעם ציקל פֿון דער לבֿנה[40] פֿאַרשטייט מען די סמיכות־הפּרשה[41] צווישן tide און

1. shivim-loshn 70 langues (*traditionnellement* toutes les langues du monde)/70 languages (*trad.* all languages of the world) 2. Tal Hever-Chybowski 3. rubrique/column 4. eytses conseils/advice 5. truc/trick 6. mayrev ouest/west 7. dafke justement/*here* actually 8. mistome probablement/probably 9. article indéfini/indefinite article 10. ... shayekh en ce qui concerne/as for 11. kro'yvishe apparentés/related 12. beshu'tfesdike commun/common 13. besha's alors que/while 14. lemoshl par exemple/for example 15. pied, jambe/foot, leg 16. ... mayse voici l'histoire/here's the story 17. Zeus Wellnhofer 18. Ya'ar Hever 19. ... mekhabers de l'auteur/the author's 20. découverte/discovery 21. pasekh signe du son [a]/sign of the sound [a] 22. accord/agreement 23. il semble/it seems 24. conservé/kept 25. afile même/even 26. nekudes signes vocaliques/vowel signs 27. avade bien sûr/of course 28. poshet simplement/simply 29. mayle avantage/advantage 30. shite système/system 31. indication 32. zikorn-... moyen mnémotechnique/mnemonic device 33. ... lehabe à l'avenir/for the future 34. legabe en ce qui concerne/in reference to 35. koydem-kol tout d'abord/first of all 36. loshn-koydesh hébreu et araméen/Hebrew-Aramaic 37. dayen juge/judge 38. klo'ymershte faux/supposedly 39. yam-... marée/tide 40. levone lune/moon 41. smikhes-haparshe lien logique/logical connection

ציַיט) ;

– האָט אין זינען אַז קרובֿישע ווערטער האָבן נישט אומבאַדינגט[42] דעם זעלבן באַטיַיט. קליין און **clean**, למשל, האָבן אַן עטימאָלאָגישע קרובֿישאַפֿט[43] הגם[44] זיי האָבן גאָר אַן אַנדער מיין (clean אויף ענגליש הייסט ריין).

געפֿינען אַ קרובֿיש וואָרט אויף ענגליש קען זיַין זייער אַן אינטערעסאַנטע אויפֿגאַבע וואָס איז נישט אַלע מאָל זייער גרינג. אין דעם דאָזיקן אַרטיקל האָבן מיר שוין געפֿונען פֿאַר איַיך 150 ווערטער־פּאָרן וואָס קענען איַיך העלפֿן צו באַניצן אונדזער שיטה.

## i ← ײַ

נאָך דעם ווי מע האָט געפֿונען דאָס קרובֿישע וואָרט אויף ענגליש מוז מען גוט באַטראַכטן דעם אות[45] וואָס איז אין דער זעלבער פּאָזיציע ווי די צוויי יודן אין ייִדיש. ווען דאָרט שטייט געשריבן **i**, ווייסט איר אַז אויף ייִדיש דאַרף שטיין ײַ (געדענקט ווי מע רעדט אַרויס אויף ענגליש דעם נאָמען פֿונעם אות **i**). טאָמער האָט איר אויף ענגליש אַ קאָמבינאַציע פֿון צוויי אותיות (למשל **ie**), טראַכט בלויז וועגן דעם ערשטן אות אין דער קאָמבינאַציע.

אָט זיַינען די ביַישפּילן וואָס מיר האָבן געפֿונען לויטן דאָזיקן כּלל[46] :

איַיז/ice, איַיזיק/Isaac, איַיזן/iron,

איַינ־/-in

ביַיסן/bite, באַגריַיפֿן[47]/grip

גליַיך/alike

דיַין/thine

וויַיב/wife, וויַיזן/wise, וויַיט/wide, וויַיל/while, וויַילע/while,

וויַין/wine, וויַיס/white

זיַיט/side

טיַיך/ditch, טריַיבן/drive

לאַטיַין/latin, ליַיז[48]/lice, ליַיכט/light, ליַין[49]/linen

מיַיז/mice, מיַיל/mile, מיַין/mine, מיַיסטער/mister

פֿיַיג/fig, פֿיַיל/file, פֿיַין/fine, פֿיַיער/fire, פֿיַיף/pipe, פֿריַינד/friend, פּריַיז/prize

צוויַיג/twig

ריַיז/rice, ריַיטן/ride, ריַיך/rich, ריַין/Rhine, ריַיסן/write, ריַיף/ripe

שוויַין/swine, שטריַיכן/strike, שטריַיף/stripe, שיַין/shine, שיַיסן/shit, שליַים/slime, שמיַיסן/smite, שריַיבן/scribe

## a/e/o ← ײ

ווען דער אות אינעם קרובֿישן וואָרט אויף ענגליש איז **e**, **a** אָדער **o**, ווייסט איר אַז אויף ייִדיש דאַרף שטיין ײ. שטייט אויף ענגליש אַ קאָמבינאַציע פֿון צוויי אותיות, טראַכט בלויז וועגן דעם ערשטן :

אידיי/idea, איי/egg, אייבער־/over, אייגן/own, אייזל/easel, אייכנבוים/oak, אייל[50]/ell, אייל/oil, אייפֿעמיזם/euphemism, אייקאַליפּטוס/eucalyptus, אייראָפּע/Europe, אַליין/alone, אָנהייבן (זע „הייבן“)

באַקריינען/crown,ביידע/both, בייז/boast,ביימער/beam, בלייך/bleak, בלייכן/bleach, ברייט/broad

גיין/go, גלייזן[51]/glaze, געוויין (זע „ווײ“), גרייס/great

דערגרייכן/reach, דרייען/throw

היי/hay, הייבן/heave, הייוון[52]/heave, ־הייט/-hood, הייך/height, הייל/hole, הייליק/holy, היילן/heal, היים/home, הייס/hot, הייצן/heat

ווײ/woe, ווייך/weak, וויייניק (זע „ווײ“), ווייינען (זע „ווײ“), ווייץ/wheat

זייען/sow, זייער/sore, זייף/soap

טייג/dough, טייטל[53]/date, טייטן/deaden, טייל/deal

לייגן/lay, לייזן[54]/loosen, לייט־אַרטיקל[55]/lead-article, לייטער/ladder

מיידל/maid, מיין/mean




נייטיק/need, נייטראַל/neutral,ניין/no

פֿאַרטייבן/deaf, פֿייגל/fowl, פֿלייצן/fleece, פֿלייש/flesh, oat

ציילן/tell, ציין/teeth, צייכן/token

־קייט (זע „־הייט“), קייט/chain, קייסער/Caesar, קליי[56]/clay, קלייד/cloth, קנייטשן/knead, קרייץ/cross

ריי/row

שווייס/sweat, שטיין/stand, שטיין/stone, שייד/sheath, שיילן/shell, שיין/sheen, שניי/snow.

## ee/ew- ← ײַ

גיט אַכט אויף די דאָזיקע אויסנאַם[57]־גרופּעס : ווען אינעם קרובֿישן וואָרט שטייען די אותיות־קאָמבינאַציעס **ee** (ביַים סוף[58] פֿונעם וואָרט) אָדער **ew**, וועט שטיין אויף ייִדיש ײַ :

**ee** ביַים סוף פֿונעם וואָרט : בליַי[59]/blee, דריַי/three, פֿריַי/free

**ew** : בריַיען[60]/brew, טיַיען[61]/dew, ניַי/new, קיַיען/chew, שפּיַיען/spew

אונדזער שיטה אַרבעט אויף 97 פּראָצענט. צוליב פֿאַרשיידענע לינגוויסטישע סיבות[62] זיַינען פֿאַראַן אַ פּאָר אויסנאַמען וואָס ס׳איז כּדאַי[63] צו דערמאָנען און דערקלערן :

– אייטל[64]/idle : אינעם גרויסן ווערטערבוך פֿון דער ייִדישער שפּראַך שטייט וועגן דעם דאָזיקן וואָרט : „קלאַנג ײ אַנשטאָט ײַ, וויַיל בעיקר[65] אַ וואָרט פֿון דער שריַיבשפּראַך“.

– גיַיסט/ghost : מע זאָגט גיַיסט, און נישט „גייסט“, וויַיל דאָס איז אַ רעלאַטיוו ניַי־געקומען וואָרט פֿון דיַיטש. דער לינגוויסט שלמה בירנבוים[66] האָט עס געפּסלט ווי אַ דיַיטשמעריזם[67], אָבער דער לינגוויסט יודל מאַרק האָט געטענהט[68] אַז דאָס וואָרט איז שוין איַינגעוואָרצלט אין ייִדיש און מע מעג עס באַניצן.

– טיַיוול/devil : ווען מע טראַכט וועגן diabolic (וואָס איז נעענטער

[סוף אויף ז׳ 8]



42. pas forcément/not necessarily 43. KRO'YVESHAFT parenté/relationship 44. HAGA'M bien que/although 45. OS lettre/letter, *plur.* אותיות OYSYES 46. KLAL règle/rule 47. concevoir, comprendre/understand 48. poux/lice 49. lin/linen 50. coudée/cubit, ell 51. vitrer, émailler/glaze 52. levain/yeast 53. datte/date (fruit) 54. recevoir, résoudre/take in, solve 55. éditorial 56. colle/glue 57. exception 58. SOF fin/end 59. plomb/lead 60. brasser/brew 61. fondre/melt 62. SIBES raisons/reasons 63. … KEDA'Y cela vaut la peine/it's worthwhile 64. vain, inutile/vain, useless 65. BEIKER principalement/mainly 66. SHLOYME Birnbaum 67. GEPASLT … rejeté comme germanisme/rejected as a Germanism 68. GETAYNET prétendait/argued

# וואָס עסט מען שבֿועות[1]־צײַט ?

דעם 6טן און 7טן סיוון[2] (הײַאָר[3] פֿאַלט עס אויס פֿונעם 23סטן מײַ אין אָוונט ביזן 25סטן מײַ אין אָוונט) פּראַוועט[4] מען בײַ ייִדן דעם יום־טובֿ[5] שבֿועות אין אָנדענק פֿונעם מתּן־תּורה[6] בײַם באַרג סיני[7]. פֿונעם קולינאַרישן קוקווינקל[8] איז עס אַ גן־עדן[9] פֿאַר ליבהאָבער פֿון טראַדיציאָנעלע ייִדישע מאכלים[10] בכלל[11] און וועגעטאַריער בפֿרט[12] (צום באַדויערן ניט פֿאַר קיין וועגאַנער[13] און נאָר צום טייל פֿאַר מענטשן וואָס עסן ניט קיין גלוטען).



טאָמער אײַער גרעסטער חלום[14] איז געשמאַקע מילכיקע[15] מאכלים, איז דער יום־טובֿ שבֿועות פּונקט[16] דאָס וואָס איר באַדאַרפֿט ! ס׳איז דער בעסטער תּירוץ[17] זיך צו באַקענען מיט אַלע (צאָלרײַכע[18]) וואַריאַנטן פֿון די אַשכּנזישע שפּײַזן[19] וואָס מע גרייט אָן פֿלייש און מיט מילך.
איר קענט אָנהייבן די סעודה[20], ווי עס פּאַסט זיך[21] – מיט אַ זופּ. שבֿועות עסט מען געוויינטלעך אַ באָרשט – פֿון בוריקעס[22] אָדער פֿון שטשאַוו[23].
וועט איר מסתּמא[24] פֿרעגן, וואָס איז מילכיקס אין אַ באָרשט ? די סמעטענע[25] אַוודאי[26] ! און ניט קיין זיסע סמעטאַנקע[27], נאָר די אמתע[28] זויערע, געדיכטע סמעטענע.
אָפּגעגעסן די זופּ, נעמט מען זיך צו דעם סאַמע עיקר[29]. איר זאָלט וויסן, אַז דעם אויבן־אָן[30] פֿון דער שבֿועותדיקער[31] קולינאַרישער פּלעיאַדע[32] פֿאַרנעמען אָן קיין שום ספֿק[33] די בלינצעס[34] מיט קעז. טאָמער איר האָט נאָך קיין מאָל ניט געזען פֿאַר די אויגן קיין בלינצע מיט קעז, וועט איר זיך אפֿשר[35] פֿאָרשטעלן פֿאַרשיידענע מאָדנע[36] זאַכן, ווי די פֿראַנצייזישע בלינצעס מיט געלן קעז[37] צום בײַשפּיל. עס הייבט זיך גאָרניט אָן[38] ! איר דאַרפֿט וויסן אַז אויף צו מאַכן די דאָזיקע בלינצעס, ניצט מען אומבאַדינגט[39] אַ ווײַסן, ווייכן קעז, פֿון דעם מין וואָס איז ניט צו געזאַלצן און ניט צו זיס. צו דעם גיט מען צו[40] ניט ווינציק צוקער און דער עיקר – ראָזשינקעס[41]. אויף דעם זאָגט דאָס באַקאַנטע שפּריכוואָרט „בעסער צוויי בלינצעס בײַ דיר אין בויך איידער איין בלינצע בײַ יענעם אין מויל“ (דאַכט זיך אַז קיין פֿאָלקלאָר־פֿאָרשער[42] האָט עס נאָך ניט פֿאַרשריבן, טוען מיר עס דאָ).
אויב עס איז אײַך ווייניק די בלינצעס, קענט איר צוגעבן צו אײַער מעניו[43] קרעפּלעך[44] – אויך, פֿאַרשטייט זיך, מיט דעם זעלביקן סאָרט קעז.

נאָר וואָס איז אַ יום־טובֿדיקער[45] מאָלצײַט[46] אָן אַ נאָכשפּײַז[47] ? דאַנקען גאָט איז דאָ פֿון וואָס אויסצוקלײַבן. שבֿועות קענט איר עסן אַ געשמאַקן שטרודל מיט קעז, אַ לאָקשן־קוגל[48] מיט קעז און דעם סאַמע באַקאַנטן דעסערט הײַנט צו טאָג : דעם קעזקוכן. נאָר פֿאָרזיכטיק[49] : אַרום דעם ענין[50] קעזקוכן איז דאָ אַ גרויסע מלחמה[51] צווישן צוויי קעגנערישע[52] שולן און יעדער איינער מוז זיך אויסקלײַבן זײַן אייגענעם צד[53]. די פֿראַגע איז, צי דאַרף דער קעזקוכן האָבן אונטן (און עווענטועל[54] אַרום) אַ טייג[55], צי ניט ? אויף דעם דאַרף מען אַוודאי פֿאַרזוכן פֿון ביידע מינים[56], און דאָס מער ווי איין מאָל, כּדי[57] צוצוקומען צו אַ דעפֿיניטיוון באַשלוס.



אַן אַנדער פֿראַגע איז אַוודאי וועגן דעם אָנהייב פֿון דער טראַדיציע : פֿאַר וואָס עסט מען שבֿועות דווקא מילכיקס ? עס זענען דאָ עטלעכע דעות[58] (און אַפֿילו אַ פּאָר גאַנץ גראָבע וויצן[59], וואָס מיר וועלן דאָ אָבער ניט איבערחזרן[60]). די באַקאַנטסטע דערקלערונג איז אַז נאָך מתּן־תּורה אונטער דעם באַרג סיני, זענען ייִדן געווען שטאַרק אויסגעהונגערט און האָבן ניט געהאַט קיין געדולד צוצוגרייטן פֿלייש (וואָס אויף דעם דאַרף מען דאָך אַ סך צײַט : מע דאַרף עס פֿריִער ווייקן[61] און זאַלצן) – האָבן זיי געגעסן מילכיקס ! ווי עס זאָל ניט זײַן, קען מען זיך נאָר פֿרייען דערמיט, ווײַל ס׳האָט אונדז געגעבן די געלעגנהייט זיך צו קוויקן[62] מיט די געשמאַקע שבֿועותדיקע מאכלים !





1. shvues Shavouot 2. sivn mois de Sivan/month of Sivan 3. cette année/this year 4. on célèbre/is celebrated 5. yontef fête/holiday 6. matn-toyre don de la Torah/giving of the Torah 7. ... sinay le mont Sinai/Mount Sinai 8. point de vue/viewpoint 9. gan-eydn paradis/paradise 10. maykholim plats/dishes, *sing.* מאכל maykhl 11. bikhla'l en général/in general 12. bifra't en particulier/in particular 13. végétaliens/vegans 14. kholem rêve/dream 15. lactés/dairy 16. justement/exactly 17. terets prétexte/pretext 18. nombreux/numerous 19. ashkena'zishe ... plats ashkénazes/Ashkenazi dishes 20. sude festin/feast 21. comme il convient/as is befitting 22. betteraves/beets 23. oseille/sorrel 24. mistome probablement/probably 25. crème/cream 26. avade bien sûr/of course 27. crème fraiche/sweet cream 28. e'mese vrai/real 29. ... iker l'essentiel/real thing 30. place d'honneur/place of honor 31. shvu'esdiker de/of Shavouot 32. pléiade/assortment 33. ... sofek sans le moindre doute/without the slightest doubt 34. sorte de crêpes/sort of pancakes 35. efsher peut-être/perhaps 36. bizarres/peculiar 37. fromage type gruyère/yellow cheese 38. pas du tout !/not at all! 39. absolument/absolutely 40. on ajoute/you add 41. raisins secs/raisins 42. chercheur/researcher 43. menu 44. sorte de raviolis/dumplings 45. yo'ntevdiker de fête/holiday (*adj.*) 46. repas/meal 47. dessert 48. pudding aux nouilles/noodle pudding 49. attention/be careful 50. inyen sujet/subject 51. milkhome guerre/war 52. opposés/opposed 53. tsad côté, camp/side 54. éventuellement/sometimes 55. une pâte/crust 56. minim sorts/kinds 57. kede'y afin de/in order to 58. deyes opinions 59. blagues grossières/crude jokes 60. i'berkhazern répéter/repeat 61. tremper/soak 62. se régaler/enjoy.

# שפּיל מיט ייִדישע מאכלים[1]



אין די ווײַטערדיקע זאַצן האָט דער קאָמפּיוטער פֿאַרמישט די מאכלים און די טעג ווען מען עסט זיי. געפֿינט, וואָס עסט מען ווען !

1. אויף שבת[2] באַקט מען געוויינטלעך מצות[3].
2. שבת איז דער הייליקסטער טאָג פֿון דער גאַנצער וואָך. מען עסט גאָרניט.
3. ראָש־השנה[4] איז דער אָנהייב פֿונעם ייִדישן יאָר. כּדי[5] דאָס גאַנצע יאָר זאָל זײַן זיס, עסט מען המן־טאַשן[6].
4. יום־כּיפּור[7] איז אַ גרויסער און אַ טרויעריקער יום־טובֿ[8]. פֿרומע[9] ייִדן עסן לאַטקעס[10] און פּאָנטשקעס[11] דעם גאַנצן מעת־לעת[12].
5. יויך[13], פֿיש און לאָקשן־קוגל[14] זענען טראַדיציאָנעלע חנוכּה[15]־מאכלים.
6. חמישה־עשׂר בשבֿט[16], וואָס מע רופֿט אָן ראָש־חודש פֿון דיביימער[17] און וואָס פֿאַלט אויס אין ווינטער, עסט מען עפּל מיט האָניק.
7. פּורים[18]־צײַט פֿאַרשטעלט מען זיך[19], מע טרינקט אַ סך און מען עסט בלינצעס מיט קעז[20].
8. פּסח[21] עסט מען ניט קיין געוויינטלעך ברויט, נאָר חלה[22].
9. שבֿועות[23] עסט מען אָפּט טרוקענע טייטלען[24] און פֿײַגן[25].

די ענטפֿערס אויף זײַט 8









1. MAYKHOLIM plats/dishes, *sing.* מאכל MAYKHL 2. SHABES shabbat, samedi/shabbat, Saturday 3. MATSES pain azyme/matzo 4. ROSHESHONE Nouvel An juif/Jewish New Year 5. KEDE'Y afin que/in order to 6. HOMEN-... gâteaux au pavot/triangular pastry 7. YOM-KIPER Yom-Kippour/Yom-Kippur 8. YONTEF fête/holiday 9. pieux/pious 10. galettes de pommes de terre/potato pancakes 11. beignets/doughnuts 12. MESLES 24 heures/24 hours 13. bouillon/broth 14. pudding aux nouilles/noodle pudding 15. KHA'NEKE Hanoucca/Hanucca 16. KHAMISHOSER BISHVAT Tu-bi-shvat 17. ROSH-KHOYDESH ... Nouvel An des arbres/New Year of the trees 18. PURIM fête de Pourim/Purim 19. on se déguise/put on costumes 20. crêpes au fromage blanc/pancakes with white cheese 21. PEYSEKH Pâque juive/Passover 22. KHALE brioche tressée/hallah 23. SHVUES Shavouot 24. dattes/dates 25. figues/figs.

# רעטענישן[1]

1. וואָס קומט פֿאָר איין מאָל אין אַ מינוט, צוויי מאָל אין אַ מאָמענט, און קיין מאָל ניט אין טויזנט יאָר ?
2. איך מאַך גוט ווען איך עס, נאָר איך שטאַרב ווען איך טרינק. וואָס בין איך ?
3. איך פֿאָר אַרום דער וועלט בלײַבנדיק אויף איין אָרט. וואָס בין איך ?
4. אויב איך האָב עס, קען איך זיך ניט טיילן און אויב איך טייל זיך האָב איך עס שוין מער נישט.
5. וואָס געפֿינט זיך בײַם סוף[2] פֿון אַ רעגן־בויגן[3] ?
6. וואָס האַלט שטענדיק בײַם קומען נאָר קומט קיין מאָל נישט אָן ?

די ענטפֿערס אויף זײַט 8

1. devinettes/riddles 2. ... SOF à la fin/at the end 3. arc-en-ciel/rainbow.

[סוף פֿון ז׳ 1]

נאָך אַ בײַשפּיל פֿון אַזעלכע קולטורעלע אויסטוישן איז דער אינטערעס פֿאַר דער ייִדישער קבלה[53] בײַ קריסטלעכע געלערנטע אין מיטל־עלטער[54]. און לעצטנס, אַ דאַנק די נײַע עזאָטערישע באַוועגונגען, איז די קבלה נאָך אַ מאָל „אין דער מאָדע“...

איר קענט באַזוכן די אויסשטעלונג ביזן 28סטן יוני און לייענען דעם שיינעם קאַטאַלאָג !

53. KABOLE Cabale/Cabbalah 54. Moyen Âge/Middle Ages.




רעכטס : פּלאַקאַט פֿון דער אויסשטעלונג. אונטן : אַן אַמולעט מיט דרײַ מלאָכים וואָס דאַרפֿן היטן די קימפּעטאָרין און מיט דער אויפֿשריפֿט וואָס דאַרף פֿאַרטרײַבן ליליתן. © DR.






## כּישוף־גלאָסאַר

| | |
|---|---|
| דער כּישוף [KISHEF] | magie, sorcellerie ; sort/magic, sorcery; spell |
| די מכשפֿה (–ות) [MAKhSHEYFE] | sorcière/witch |
| די כּישוף־מאַ׳כערין (ס) [KISHEF-] | sorcière/witch |
| דער מכשף (ים) [MEKhASHEF] | sorcier/wizard |
| דער כּישוף־מאַכער (–/ס) [KISHEF-] | sorcier, magicien/wizard |
| דער מלאך (ים) [MALEKh - MALOKhIM] | ange/angel |
| דער שד (ים) [ShED - ShEYDIM] | démon |
| די שדיכע (ס) [ShE'DEKhE] | démone/demon (*fém.*) |
| לילית [LILIS] | Lilith |
| די קמיע (ות) [KAMEYE] | amulette/amulet |
| די שמירה (–ות) [ShMIRE] | amulette/amulet |
| דאָס האעלע (ך) [HE'YELE] | amulette portant la lettre ה/amulet with the letter ה |
| דער שיר־המעלות (ן) [ShIR-(H)AMAYLES] | Psaume 121 censé protéger la parturiente/Psalm 121 (to protect the expectant mother) |
| דער/די עין־הרע (ס) [EYN(H)ORE] | mauvais œil/evil eye |
| געבן אַן עין־הרע [EYN(H)ORE] | jeter un sort/put a curse on |
| דער רואה־ואינו־נראה [ROYE-VEEYNE-NIRE] | personne invisible/invisible man |
| דער דיבוק (ים) [DIBEK - DIBUKIM] | dibbouk/dybbuk |
| דאָס וואַ׳סערל | potion |
| דער שפּראָך (ן) | incantation |
| פֿאַרכּישופֿן [FARKI'ShEFN] | jeter un sort, ensorceler/enchant, cast a spell |
| פֿאַרכּישופֿט [FARKIShEFT] | ensorcelé/enchanted |
| אָ׳פּשפּרעכן אַן עין־הרע [EYN(H)ORE] | exorciser/exorcise |

[סוף פֿון ז׳ 5]

צום מקור[69] פֿונעם וואָרט), געדענקט מען אַז אינעם ייִדישן וואָרט שטייט דווקא ײַ, און נישט קיין יי.

– לייב/lion : דאָ אַרבעט אונדזער שיטה נישט ווײַל lion אויף ענגליש קומט נישט פֿונעם גערמאַנישן וואָרט (פֿאַרגלײַכט מיט Löwe אויף דײַטש), נאָר איז אַרײַנגעקומען אַ סך שפּעטער אין ענגליש ווי אַ פֿרעמדוואָרט פֿון פֿראַנצייזיש.

– מײַסטנס/mostly : אַ דײַטשמעריזם וואָס איז שוין אָנגענומען אין ייִדיש.

האָט איר געפֿונען אַנדערע קרובֿישע ווערטער וואָס מיר האָבן נישט דערמאָנט ? שרײַבט אונדז צו tamtam@yiddishweb.com !

אינעם קומענדיקן נומער וועלן מיר געבן שפּראַך־עצות פֿאַר ייִדיש־לערנערס וואָס קענען העברעיִש.

69. MOKER source.

• די ענטפֿערס אויף דעם מאכלים־שפּיל פֿון ז׳ 7

1. חלה
2. יויך, פֿיש און לאָקשן־קוגל
3. עפּל מיט האָניק
4. גאָרניט
5. לאַטקעס און פּאָנטשקעס
6. טרוקענע טייטלען און פֿײַגן
7. המן־טאַשן
8. מצות
9. בלינצעס מיט קעז

• די ענטפֿערס אויף די רעטענישן פֿון ז׳ 7

1. דער אות „מם“[1]
2. אַ פֿײַער
3. אַ פּאָסטמאַרקע[2]
4. אַ סוד[3]
5. דער אות „נון“[4]
6. דער מאָרגן

1. OS MEM la lettre/the letter מ/ם 2. timbre/stamp 3. SOD secret 4. OS NUN la lettre/the letter נ/ן.


# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

דער ייִדישער טעם־טעם איז אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט
טל, יצחק, מאַרי, נאַטאַליאַ,
עוולין, רובי, שרון.

Yidisher Tamtam
Maison de la culture yiddish
Bibliothèque Medem
29 rue du Château-d'Eau
75010 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
tamtam@yiddishweb.com

מע קען אויך לייענען דעם ייִדישן טעם־טעם
אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com
פּרײַז : 2,50 אייראָס Prix : 2,50 euros